בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' פ' פנחס | ח' תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ג

# באריכט:

פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט העעל"ט האט דער רבי שליט"א זיך משתתף געווען ביי די שמחת השבע ברכות פון בת האדמו"ר מ'פאלטישאן שליט"א פון בארא פארק, וועלכעס איז פאהרגעקומען אין קרית יואל אין שטוב פון מוה"ר אברהם האפפמאן הי"ו איידעם פון הרבני הנגיד מוה"ר יצחק מארקאוויטש הי"ו.

ערש"ק גאנץ פרי איז דער רבי שליט"א געפאהרן צו די שחיטה פון די לעמעלעך אין פעטערסאן ניו דשערסי ווי מען האט געשאחטן פאר'ן בית הדחיטה ד'קהלתינו הק', ווי עס זענען אויך אנוועזנד געווען הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א, און הגאוה"צ דייני קהלתינו בארא פארק שליט"א.

דערנאך האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר ירחמיאל וואלף גליק הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר משה מענדלאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

ליל שב"ק האט דער רבי שליט"א געפראוועט שלחנו הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה, מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם יוסף רובינשטיין הי"ו פון וויליאמסבורג, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר אברהם שמשון הורוויץ הי"ו.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די מדרש וירא בלק בן ציפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי, אז יעקב אבינו האט אפגעקויפט די בכורה, און אויסגעטייטש בדרך דרוש אין די סוגיא פון המקדש במלוה אין מס' קידושין.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר בערל פאלקאוויטש הי"ו, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען נכדו הרה"ג ר' יואל גלאנץ שליט"א, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק בעל עטרת צבי מ'זידיטשוב, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יעקב יצחק קליין מו"ץ בקהילת וויזניץ בבני ברק, און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר שאול יחזקאל זעלקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג.

שב"ק בייטאג האט דער רבי שליט"א געפראוועט שלחנו הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה גדולה – שיעור ד', מיט ברוך ה' האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הב' יעקב יצחק קליין נ"ו, און מיט ברוך א-ל עליון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הב' אלחנן פריינד נ"ו. מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר יצחק יעקב ראזענפעלד שליט"א ר"מ בישיתיה"ק – שיעור ד'.

❧•❧

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל, און אויסגעטייטשט בדרך מוסר והתחזקות לתשובה, ארויסברענגנדיג אז די זמני תשובה הייבן זיך אן שוין פון שבעה עשר בתמוז, ווי דער בני יששכר ברענגט אז פון י"ז בתמוז ביז ר"ה איז דא ע"ב יום כמנין ובכ"ן, ובכן אבא אל המלך, מיט די טעג אז מען מאכט די ריכטיגע הכנה קען מען צוגיין צום הייליגן טאג ראש השנה.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול, פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' משה יודא מענדלאוויטש הי"ו פון קרית יואל, און נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל שאלאמאן הי"ו פון קרית יואל.

❧•❧

## מגבית "חינוך הטהור" אין קרית יואל אין פולסטן טעמפא

היינט זונטאג, איז דער יערליכער מגבית לטובת די הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק אריין אינעם פולסטן טעמפא אין ק"ק קרית יואל, ווען אלפי תושבי העיר האבן שוין אינע'ם ערשטן טאג אנטייל גענומען אין די יערליכע אקציע און גענומען א חלק אינע'ם חינוך הטהור פון די הייליגע מוסדות, און אין איינוועגס איינגעקויפט די געוואלדיגע סגולות און זכותים וואס באגלייטן שטענדיג די תומכי המוסדות.

אין די קומענדיגע טעג און וואכן וועלן אי"ה נאכפאלגן אקציע'ס אין אלע עקן פון שטאט ווי תושבי קרית יואל וועלן אין די מאסן נעמען א חלק אין אט די "הייליגסטע צדקה" כלשו"ק פון רבותיה"ק זי"ע.

*-שטיצט מוסדות יטב לב לצדקת ר' מאיר בעה"נ-*

❧•❧

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**